STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11610

VU ZUNEN TREFN ZIKH

Moshe Gurin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11610-6

9780657116101T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

משה גורין

★

ווּ זונען טרעפן זיך

לידער

פאַר דעם גוטן פרײַנט
פּאָעט און דערציילער
חיים פּלאָטקין
מיט פרײַנדשאַפט

משה גורין

מערץ 1987

דאס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון:
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע"ש יהושע רבינוביץ עפ"י,
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור און קולטור

משה גורין

ווו זונען טרעפן זיך

לידער

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ"ז — 1987

MOSHE GURIN (GOVRIN)

WHERE SUNS CROSS

POEMS

משה גורין / ווּ זונען טרעפן זיך

פאַרלאַג י.ל. פרץ ברנר 14 תל־אביב

©

נדפס בישראל
Printed in Israel
דפוס א. גרינשטיין, 03-831425 ת"א

דערנער

שטוטהאָף

א

די וואַסערמיל בײַם תּהום פֿון טרוקענע טײַכן
צעמאָלט די פֿאַרלאָשענע טעג.
ס׳גייט אויף די זון — ווי קיין מאָל גאָרניט
לאָזט אירע שטראַלן אַרונטער, אַרונטער
צו די דרײַ־מטה.

און זיי — ווי אַ פֿאַרגעסענע באַן אויף זײַטיקע רעלסן,
מיט די לעצטע פֿאַרביסענע כּוחות
זינגען אויף
אין אַ הייזעריקן כאָר די קאַנטאַטע :
„אַ קייזערוואַלד, אַ, שטוטהאָף, אַ מײַדאַנעק״.

ב

וואַגאָנען קומען אָן און גייען אָפּ,
ס׳צערינען שטומע פענצטער אינעם שוואַכן ליכט
ווי ווייַס עס ווערט אַ שוואַרצער קאָפּ —
עס גיסט זיך אָן מיט אימה אַ געזיכט.

די רעלסן ציען זיך נאָך לענגער אויס
און ברענגען פון דער ווייַטנס דורכגעזיפּטן שרעק,
עס גייט אַ באַן און די פאַרדריקטקייט פאַרט
צום נעפּלדיקן ברעג.

ג

דער קייזער האַלט אַ שטעקעלע — אַ גאַנצער דיריגענט,
שטייט דער טאָג פֿאַרשׂרפֿעט מיט פֿאַרברענטע הענט.

שטייט דער טאָג פֿאַרסמאַליעט, פֿאַררייכערט זײַן געזיכט,
דער קייזער זאָגט המבדיל בין חושך ובין ליכט.

הויבט ער אויף זײַן שטעקעלע — צעפֿאַלן זיך די ווענט,
צינדט זיך אָן דער חושך און ברענט און ברענט און ברענט.

ד

זאָגט דער קייזער:
איין פערד פאַר טויזנט ייִדן —
שטייען צוואַנציק פערד אין פּאָדערהויז און וואַרטן.

אין די אויגן לויפן דורך די גרינע לאָנקעס,
אַ מאָנבלום גיט זיך אַ צעלייג אין אויג,
מאָרגן וועלן טויזנט ייִדן אויפעסן אַ פערד

נאָר זייערע געדאַנקען וועלן פאַלן
אויף אַ רויטער לאָנקע.

ה

בייזע הינט צעריַיסן מענטש־מאכלים,
בייזע הינט צעפּליקן דיר דיַין חלום,
דער טויט קומט אָן פֿאַרפֿאַקט אין פּעק פֿון מעלות
און נעמט פֿאַרפֿרירן אַלע וויַילעס.

נאָר אויב דער קייזער וויל,
בליַיבן הינט פֿאַרלעמלטע יצורים.
נאָר אויב דער קייזער וויל,
טאַנצט אַריַין אַ פֿרייד אין די יסורים.

וויל ער אָבער ניט — ווערן מיר צעריסן
און די הינט פֿאַרשלינגען אונדז
אַ ביסן נאָך אַ ביסן.

ו

פון קייזער איז געבליבן קוים אַ געדעכעניש,
ניט קיין דענקמאָל וואָס שטייט אין אַ גאָרטן,
דער קייזער איז געווען כולו פֿאַרברעכעניש,
איז גוט וואָס ער איז שוין דאָרטן.

1984

זײַטיקע שליאַכן

ווי זיי לויפֿן. טויטערהייט לויפֿן זיי
און קומען צו ביז צום סאַמע אָטעם.
טויטערהייט טרייסלען זיי אָפּ די בערנעביימער
און ווידער וואַקסן צו די אָפּגעיוונגטע הענט
אַזוי ווי ס׳פֿאַסט פֿאַר בוימטרייסלער
און די פּרוכט — ספֿק פּרוכט, ספֿק שלייער
פֿון פֿאַרוואָרפֿענע גן־עדנס.

ווי זיי לויפֿן, פֿאַרשלאָפֿענערהייט לויפֿן זיי
און ס׳לויפֿט זיי נאָך דער רעגן.
ס׳פֿאַרמאַכן זיך די לאָדנס אינעם רעגן.
אינעם רעגן־בויגן שפּאַנען זיך אײַן
בעלי־עגלות און קערעווען דעם רעגן־בויגן
אַרײַן צו דעם דרך־המלך.

אויף די זײַטיקע שליאַכן
כליפּען פֿאַרגעסענע פֿערד.

1974

אַן אויסגעשליטלטער וועג

אַן אויסגעשליטלטער וועג,
שטומע שטערן הענגען.
פֿאָר איך איצט קיין מײַשעגאָלע
זיך אַליין צו ברענגען.

דעמערונג אין גלויבן,
כ׳עס מיך אָן מיט אײַזן.
פֿאָר איך איצט קיין מײַשעגאָלע
אין די תּחית־המתים־קרײַזן.

ס׳איז מײַן צווייטער גילגול
און אפֿשר גאָר דער דריטער.
פֿאָר איך איצט קיין מײַשעגאָלע
אויפֿלעבן אַ שפּליטער.

אַן אויסגעשליטלטער וועג,
אַ טויער גיט זיך באַלד אַן עפֿן.
פֿאָר איך איצט קיין מײַשעגאָלע
זיך אַליין צו טרעפֿן.

ליבשאַפט צו דער שטאָט

ליבשאַפט צו דער שטאָט פון חיים גראַדע
עס בריען די אותיות פון זײַן געבעט
און כאָרכלען אויס ס׳געוואַלד פון עדה — אַ פאַרסמטע סטאַדע
וואָס בעט זיך : ווער וועט אונדז אָפהיטן,
ווער וועט ?

שיכּורע אותיות, אָנגעטרונקענע מיט מעד
געדענקען שימחת־תּורות, ל״ג בעומרס דעפּילאַדע,
כ׳געדענק אָבער די שרעק פון שטאָט — אַ שד
באַפעלט איר אויפצורײַסן אין הילך פון קאַנאָנאַדע.

ווערט די שטאָט אַ הויפן גוס, אַ שטויב־געגאָס,
פון אָנגעשאָטענעם געבליאָסק — אַ באַריקאַדע.
גראַדע עסט זיך אויף — אַזאַ פאַרדראָס
איז אויך צו שווער געווען פאַר חיים גראַדע.

1983

ס׳טרעפט

ס׳טרעפט איך זע מיך ווײַט, ערגעץ ווײַט
אַריבער די שכנים, אַריבער די הימלען, אַריבער די צײַט.

ס׳צינדן זיך אָן באַפּאַנצערטע פלאַמען אין ליכט.
עס שטעלן זיך צו די באַרימטע באַראַקן, געדיכט

ווי צו אַ געהיימען אַפּעל, ווו ס׳וועלן זיך באַלד
אַרויסשיטן פּנימער באַבלעטערט, פאַרכישופט מיט וואַלד.

כ׳וועל די פּנימער לייענען ווי אַ הייליקע שריפט
און פאַרציען וועט זיך מײַן אויג
מיט פאַרטונקלטן גיפט.

מוצאי יום השואה תשמ״ד — 29.4.84

ביידע

ביידע זענען זיי געווען אין געטאָ,
ביידע זענען זיי אַרויס פון גיהנום,
איינער איז געבליבן טרײַ דער שפּראַך פון געטע,
דער צווייטער וויל פון זיי ניט הערן,
ווײל זיי ניט קענען.

ביידע זענען זיי געווען אין געטאָ,
ביידע דורכגעגאַנגען מ״ט שערי טומאה,
איינער וויל די שטעכלדראָט פאַרגלעטן,
דער צווייטער — דער גרויל זאָל ניט פאַרשטומען.

1984

דער טעם פון דערמאָנען

דער טעם פון דערמאָנען
דעם שפּעטזומער אין די סעדער:
באַלאָדן מיט פּרוכט שטייט איינפּיסיק דער בוים,
האַלט אויס די געוואַלדיקע שווערקייט.

דער טעם פון דערמאָנען אָן אויפהער
די רויִנען פון חורבן
און זאָגן צו זיך:
האַלט אויס,
אין זיי זאָלסטו לעבן.

1985

איך הער

איך הער דעם שאַרפֿן רוף אין די נעכט
און ס'ענטפֿערט אים קיינער.

איך הער דעם געשריי פֿון געשלאָגענעם
און ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל
עפֿענען אַ טיר.

אויף די האָנט
וואָס וויל אַ ביסל וואַסער אַרויסטראָגן, דערלאַנגען
איז אַפּהעגנטיק.

1985

פֿאַרקלאַפּטע טירן

א

נעם און פֿאַרגעס,
פֿאַרגעס און פֿאַרוויש.
ניטאָ מער קיין גאָלד
אינעם גאָלדענעם פֿיש.

ניטאָ מער קיין וואַסער
אין טרוקענעם טײַך.
דער גלײַכער איז קרום
און דער שטאַרקער איז רײַך.

די שפּורן פֿון טעג
זענען לאַנג שוין אַריבער.
געבליבן זענען טירן
פֿאַרקלאַפּטע, און שטיבער.

ב

גיי ניט אויף לאַווע,
גיי נאָר אויף שטיינער.
לייגן זיך לאַוועס
אויס אין די ביינער.

איך אויפן ברוק —
די טריט אין געוואַקל,
צינד אונטער די שטיינער
מיט שינאה צעפּאַקלט.

צעבליצטע פּאַנטאָפל
גייען אויף לאַווע,
און איך אויפן ברוק —
אַ פאַרוואָרפענע פּאַווע.

1983

אַ פּנים אין צײַטונג

אײַנגעטונקט דעם פּנים אין צײַטונג
פון יענע באַרימטע יאָרן,
איך הער ווי עס גייען די שטיוול
אין אויער.
איך זע ווי מען האַמערט אויס נאַרעס,
דרײַפּאַכיק דערהויבן ביז צום לעצטן
שטאַפּל פון שרעק.

אויף איינעם פון די לייטערס שטיי איך,
קען ניט אַרויף, ניט אַרונטער.
ס'איז ניטאָ ווער אַ וואָרט זאָל מיר זאָגן.
קיינער האָט גאָרניט געלערנט —
ניטאָ ווער אַ וואָרט
זאָל מיר זאָגן.

דאָרט אונטן שטייען די דײַטשן,
קוקן אַרויף אויפן לייטער,
עס רינט זיי די סלינע פון מויל.

די הינט בילן אויס אַ בקשה.

1982

ווילנע

ווּ זענען זיי די זיבן־יאָריקע חזנימלעך
וואָס האָבן אויפגעטרייסלט קלויזן ?
ווּ זענען די זעקס־יאָריקע מאָלערס
וואָס האָבן אויסגעשיילט פון פינגער — רויזן ?

ווּ זענען די פינף־יאָריקע פידלערס
וואָס האָבן אויפגעציטערט און באַגײַסטערט ?
ווּ זענען די פיר־יאָריקע פּיאַניסטן
וואָס האָבן באַקלאַנגט מיט אימפּעט פון אַ מײַסטער ?

ווּ זענען די דרײַ־יאָריקע טענצערס ?
— די בינעס האָבן זיך אונטער זייערע פיס צעגאָסן.
ווּ זענען די צוויי־יאָריקע זינגערס ?
— אַלע, אַלע אויסגעשאָסן.

מײַן מאַלינע

װער קריכט אַרײַן אין מײַן מאַלינע,
װוּ ס'האָבן די האָר זיך קאַפּױער געשטעלט?
מײַן אַמאָליקע גאַס, מײַן אַמאָליקע שטאָט
איז אַרױס אױסער דער װעלט.

קריך אַרײַן אין מײַן מאַלינע
אױב ס'װעט דיר בײַשטײן דײַן זכות־אבֿות, אױב?
דו װעסט דאָרט געפֿינען אַ גאַנצע פּמליא
און אױבן אָן פּראַװעט אַ טיש איוב.

ער מאַכט זיך בטל בשישים
אַנטקעגן דעם װאָס מען האָט אים דערצײלט.
ער האָט שױן געהאַט טרוקענע אױגן,
איצט זענען אים די אױגן װידער פֿאַרװײנט.

אױסגעברענט האָט דער שײַטער,
פֿאַרגעסן הענגט אַראָפּ אַ דינער פֿאַרגליװערטער אײַז.
איך פֿאַרקריך אין מאַלינע אַלץ װײַטער
און זוך זיך אָפּ — אַ באַװײַז
אַז אַלץ איז געװען דאָרט אמת
און הלװאי װאָלט געװען עס אַ גרײַז.

1985

אין סימן פון טעות

צו אַ קינד

א

כ׳האָב אַ מאָל געמיינט אַז פערציק יאָר
ציען זיך אויס ווי אַ מידבר
וואָס האָט ניט קיין סוף.

הײַנט ווייס איך —
ס׳איז אַ הײַפעלע זאַמד
און אויך דאָס הײַפעלע
צעפליט זיך אין ווינט.

ב

די הינט בילן בײַ נאַכט.
זייער בילן דאַרף פאַרטרײַבן די טריט
פונעם הלך
— וואָס האָט אַפילו זיך ניט אָפּגעשפּאָרט
אַ בודע.

ג

דו גייסט פֿאַרבײַ מײַן ווײַסקייט
און מיינסט אוודאי אַז עס בליט נאָך אַלץ אויף מיר
דער ניט־צעגאַנגענער שניי
פֿון יענע אַמאָליקע טעג.

איך גיי פֿאַרבײַ דײַן בלאַנדקייט
און זע:
דײַן פּנים איז אויסגעזעצט
מיט זומער־שפּרענקלעך
ווי קליינינקע מאַראַנצן אין אַ פּרדס.

לאַנג וועט נאָך בליען
דײַן פּנים.

ד

אויף דער וואָס הענגט זיך אָן
אויף הויכע צווײַגן פֿון אַ בוים
פֿלאַטערט ווי אַ בלאַט
מיטן אָנקום פֿונעם ווינט.

1985

דער נביא

איז אַרונטער דער נביא פּאַוואַליע
פון די הויכע הילצערנע לאַוועס
און זיך אַוועקגעשטעלט ניט ווייַט פון רבינס סאַזשלקע,
אויף זייַנע שטאַרק פאַרוואַקסענע ברעמען
האָבן די קאַנאַריקעס אָנגעפאַנגען צו בויען נעסטן.
זיי האָבן געמיינט אַז דאָס זענען די לייַמיקע
דעכלער פון פוילן.

קינדער און זקנים זענען געקומען הערן
ווי דער נביא שווייַגט.

די סאַזשלקע האָט זיך געבלעזלט,
אין אַ מולטער האָבן זיך געקאַטאַיעט קינדער
עלעהיי געוועזן וואָלט עס גאָר אַ שיפל.
אַ כמאַרע האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון אויבן,
און דער מיטן־זומער איז געוואָרן
אויסגעווייקט פון רעגן.

דער נביא האָט זיך ניט גערירט.
פֿאַרכלינעט אין דעם אויפֿבלי נאָכן רעגן
איז ער אויסגעוואַקסן ווי אַ צעדער,
נאָר ער האָט ניט געפֿילט ווי זײַנע פֿיס
זינקען אין שוואַכער ערד אַרײַן —
אַ תּהום איז אים באַפֿאַלן.

די קאַנאַריקעס האָבן פֿאַרלאָזן די שווערע ברעמען
און גענומען זיך פּלושקען אין וואַסער.

קינדער און זקנים זענען געקומען זען
ווי דער נביא ווערט פֿאַרזונקען.
ס'האָט קיינער ניט געוויינט,
זייערע אויגן זענען געווען טרוקן.

בערג

א

פון ווײַטן אַמאָליקן אַמאָל
קומען אָן די שישקינער בערג
און לאָשטשען זיך ביז מײַנע
זון־באַשײַנטע שוועלן.

כ׳שטרעק אויס די הענט צו אַט דעם צויבערבאַרג,
זוך די שפורן פון גאונים;
וואָס צווישן זייער אײַנפאַל
און אַדורכלויכט פון געדאַנק
זענען טראַגעדיק געוואָרן די עפּלביימער,
און פאַרב האָט זיך געדונגען מיט די עפּל:
אָפּצומאָלן זיי אויף האַלב
צי אפשר גאָר אין גאַנצן.

כ׳ריר אָן דעם תּוך פון באַרג —
ס׳איז זשוויר. נאָר דעם רעגן אַרט ניט
ווו ער פאַלט, ווען ס׳קומט זײַן שעה
צו רעגענען. אויך אין אַט דער מאָגערקייט
פון זשוויר און שטיינער
האָבן זיך די וואָרצלען
ביז צום סאַמע קוואַל דערשלאָגן —

אויב ניט נאָך טיפער.

ב

אַ באַרג אויף אַ באַרג אין געקלעטער
אויף שטאַפּלען פֿון שטיינערנע לייטערס,
אין פֿאַרמעסט אַריבערצוּוואַקסן פֿאַרשנאַבלטע הויכן —

און צופֿוסנס האָבן זיך געבאָדן אָזערעס
אין וואַסערן פֿאַרנעפּלטע ווי חלום.
איין אָזערע האָט זיך דערכוואַליעט
צו אַ צווייטער און זיי זענען געוואָרן
ווי זילבער־רינגען אין אַ כּישוף־נעץ
געמײַיסטערט פֿון געניטקייט.

איבער די בערג ווינען די אָדלערס
און איבער זיי — די פֿינקלדיקע אויגן
פֿון ווײַטע וועלטן.
קיין העבער איז מסתּמא ניטאָ,
סײַדן מיר וועלן זיך אומקערן צום תּוהו
און אָנפֿאַנגען פֿון אַן אַנדער בראשית.

1978

דער שניימענטש

כ׳זהאָב אויסגעהאַקט די שויבן
פון מײַן אַמאָליקער שטוב.
כ׳האָב צעהאַקט די ווענט,
פאַרזייט די דאַכלקעס אין גאָרטן.
מײַן שטוב איז געוואָרן אַ פּאַלאַץ
פאַר אַן אָפּגעריסענעם ווינט,
פאַר דעם שלעגער — דעם האָגל.

וואָס דאַרף איך מײַן אַמאָליקע שטוב,
אַז מײַן שכן איז אַ שניימענטש ?
און ער קוקט אין מיר אַרײַן יעדע נאַכט
מיט קויליקע אויגן
און פאַרברענטע ברעמען.

די לאַמטערנעס צעגייען,
אַ טרוקענער רעגן גיסט און גיסט
אויף מײַנע פאַרזייטע דאַכלקעס.

אויף מײַן גאַס וועט וואַקסן אַ מידבר.

1978

אפשר

אוּן אפשר איז דײַן זײַן געווען —
אַ שמייכל פֿון אַ קינד
אין שלאָף,
אַ ציטער פֿון אַ פֿאַרהאַנג
אין שעה פֿון דעמער . . .

אוּן אפשר איז דײַן זײַן געווען
אַ טראָפּן טוי
וואָס קען ניט אָנפּילן
אַ זון־באַשפּריצטן עמער.

אוּן אפשר איז דײַן זײַן געווען
אַ טעות וועך ווייס ווער —
— דאָך איז דײַן זײַן געווען
אַ חן־פּינטל אין אויפגעבליטן אמת.

אַליין מיט זיך

ער איז אַליין מיט זיך —
מיטן טיש, מיט דער טיר,
ער איז אַליין און קריכט
צו זיך פֿאַרחנפֿעט אויף אַלע פֿיר.
ער זעט ניט אַז עס לאָזן זיך אויס די קאָלירן
און ס'בלײַבט נאָר בײַ אים איין קאָליר.

ער זאָגט זיך צו גליקן און גאָלדענע בערג
פֿאַרמײַסטערטע מעשׂיות,
אייביק פֿאַרבליבענע ווערק
און פֿילט ניט ווי עס שטייט הינטער אים
אַ פּאַיאַץ — אַ ברעקעלע צוערג.

ער זאָגט, ס'איז אַ טעות,
ס'איז אַוודאַי נאָך פֿרי, זייער פֿרי
טעג וועלן קומען און שטיין פֿאַר אים אויף די קני,
ער וועט זיך צעטאַנצן גלײַכצײַטיק:
דאָרט און דאָ־הי.

עס בײַטן זיך סצענעס,
דער פֿאָרהאַנג צעעפֿנט זיך ברייט,
ער מורמלט זײַן ראָלע,
צעברעקלטע קומען די רייד:
זעלטענער בײַטן זיך חתונות
און וויניקער שעפּט מען די פֿרייד.

1985

כ׳האָב געוואָלט פרעגן

כ׳האָב געוואָלט פרעגן — פאַר וואָס ? . . .
האָט עמעץ אַ פינגער אַרויפגעלייגט אויף מײַנע ליפּן.

כ׳האָב געוואָלט פרעגן — ווען ? . . .
— האָט אַ בת־קול אָפּגעענטפערט : צו שפּעט,
אַ סך צו שפּעט, מען דאַרף ניט.

האָב איך געפרעגט — מיט וועמען ? . . .
נאָר קיינער האָט מיר ניט געענטפערט.

האָב איך געפרעגט — אַווּ ? . . .
— דאָרטן ווּ די רו האָט זיך אַליין געקווילעט.

האָב איך אַ געשריי געטאָן — פאַר וועמען ? . . .
האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז עמעץ זאָגט :
פאַר די וואָס רעדן ניט און פרעגן ניט
נאָר שווײַגן.

1982

דער איבערגעבליבענער

דער איבערגעבליבענער וועט דערציילן,
וועט דערציילן און דערציילן,
ביז די צוהערערס וועלן אויסשרײַען:
גענוג!
מיר קענען מער ניט הערן,
דײַנע ווערטער זענען ווי שוואַרצער פּעפּער
אויף אונדזערע נאַסע אויגן.
דײַנע ווערטער צעשמעלצן אונדז די ציינער,
פון דײַנע ווערטער וועט ניט איבערבלײַבן קיינער.

1984

פֿאַראַן אַ שניי

פֿאַראַן אַ שניי וואָס האַלט נאָך אין איין פֿאַלן,
כאָטש כ׳לעב אויף ערד — אַן אויסגעבאַקענע פֿון שטראַלן,
וווּ זונען טרעפֿן זיך צונויף ווי העלער ווײַן
אין אויסגעשליפֿענע באָקאַלן.

מײַן קאָפּ איז אַ באַשאָטענער מיט שניי —
מיט ווײַסן קלײַען
הייץ איך אײַן דאָס אײַוועלע זיך אויפֿצוטײַען.
ס׳גייט מיר נאָך דער שניי
און כ׳קען פֿון אים זיך ניט באַפֿרײַען.

1984

די אײַנגעבויגענע

איך האָב זיי געזען, די אײַנגעבויגענע,
זיי גייען קוים אַריבער די בריק —
אַ בריק געוועבט פון דינסטן שפּינוועבס.
פאַלן אַרײַן אין אַ טיף־בלויען געלעגער,
שווײַגן אויס צעגאַנגענע זונען.
ס׳בלעזלט מיט טינט אַרום זיי
און ס׳ווערט גאָרניט פאַרשריבן.

זיי קענען זיך קוים דערמאָנען
ווער האָט זיי אַהער פאַרקערעוועט,
ווער האָט פאַר זיי צוגעגרייט די שטרויענע געלעגערס
אָפּגעמאָלט מיט דינסטן טינט.

זיי ריידן ניט, זיי ליגן פאַרטראַכט.
נאָר די קליינע פײַערלעך
אין זייערע ליולקעס
דערמאָנען דעם בליאַסק
פון ווײַטע קאַלטע שטערן.

זיי זיצן אײַנגעבויגענע און שווײַגן.

1985

אַ גוטע נאַכט

אַ גוטע נאַכט — פֿאַר די וואָס זיצן אויס די נעכט
ביז העט אַרײַן אין די פֿאַרטאָגן.

אַ גוטע נאַכט די נעכטיקע
וואָס וועלן שוין ניט ווערן אַנדערש.

די צײַט וואָס לויפֿט פֿאַרויס
האַסטיק ווי אַ באַן
לאָזט זיי איבער דרעמלענדיק
אויף קאַלטע שוועלן.

אַ גוטע נאַכט די קינדער
וואָס פֿאַר זיי
וועלן זיך די הימלען שפּאַלטן
אין אויסגעשטערנטן חצות.

ווײַסע טויבן

די ווײַסע טויבן האָבן אויסגעפּיקט אַ ווינטער
אַ פֿאַרלאָפֿענעם מיט שניי און זאַווערוכע.

די ווינטערדיקע טעג ליגן אײַנגעפּאַקט אין שטרוי
אויף בוידעמער אַן לייטערס און אַן טרעפּ.

ניט אַלע קעפּ האַלטן אויס דעם שניי איבער זיך,
די בעסטע טויבן קענען ניט אויסוואַרקען
זייערע פֿאַרגעסענע נעמען.

1985

ליגן וועגן אין טומאַנען

פאַרהוילן ליגן וועגן אין טומאַנען,
ווײַטע פויערישע וועגן, אײַנגעשפּאַנט
אין בויד און ראָד.
די גראָזן ווערן ניט פאַרוויאַנעט,
זיי לעבן הײַנט נאָך איבער יענעם
ווײַטן סוד.

איך האָב איר דאַן אין בויד געזאָגט:
מיר ביידע וועלן זיך אַרײַנציען,
אין בוידעמל פון טרייסט.
איך האָב זי בײַם נאָמען ניט גערופן,
כ'זאָל שפּעטער ניט דאַרפן זיך דערמאָנען
ווי זי הייסט.

אין די זעלביקע טומאַנען —
פויערישע רעדער מעסטן אויס דעם שליאַך.
דעם בוידעמס קרוין איז נאָך פאַראַנען —
ער זעצט זיך אויף מײַן קאָפּ,
מײַן אַלטער, גוטער דאַך.

1986

אַ קאַלעמאַשקע

אַ קאַלעמאַשקע געשניצט פון נוס און מאַהאַגאַן
פירט דעם פריץ וואָס קײַכט אַרויס דעם סאַמאָגאָן
און אויף אַ הויכן לייטער — אַ האַלב אָפּגעפליקטער האָן.

ער האַלט זיך אָפּ אין קרעטשמע — שטיין און ביין !
ניט אײַנגעהייצט דער אויוון — ווי זאָל ער עס פאַרשטיין ?
ניט קיין הערינג, ניט קיין פלייש און ניט קיין כריין.

פאָרט ער ווײַטער. אַ פויערטע, דאַר — אַן אָפּגעהובלט ברעט,
פאַרטונקט די אויגן אין אַ באַליע גרעט
און ס׳מישן זיך צונויף צעבראַזגעטע די שטעט.

צעשטויבן זיך די שליאַכן — שטויב געמישט מיט שטויב.
דאָס ביסל גאַנצע שטיבער זענען אַלט און קאַלט און טויב
און ס׳איז ניטאָ קיין מאַשקע וואָס זאָל אים צוטראָגן אַ לויב.

1984

געשניטענער גראָז

דער ריח פון פריש געשניטענעם גראָז
פאַרכאַפּט דיך דײַן אָטעם,
נאָנט צו דער ערד :
ניט ווײַט פון דער אייביקייט.

גרויע הימלען

דאָס גרוי טוט ניט וויי,
ס׳מאַכט נאָר אומעטיק —
ווי ס׳וואָלטן זיך הימלען געזעצט
בײַ דײַן שוועל.

גרויע הימלען זעצן זיך נידעריק
און דו אין דער גרויקייט
פֿאַרשפּונען אין צווייען
מיט הימל און זיך.

דאָס גרוי טוט ניט וויי —
ס׳מאַכט נאָר אומעטיק.

עס שטייט געשריבן

עס שטייט געשריבן אויף אַ זנעקל:
„ער בײַסט, ס׳איז אַ בייזער הונט״
און זי, די קליינינקע, שטעקט אַרײַן איר הענטעלע
ווי ס׳וואָלט געווען אַ שפּונט
אין בייזן מויל און מיט דער אַנדערער טוט זי
אַ גלעט אים,
צו זיך אין שטוב זי לאַדט אים אײַן,
פֿאַרבעט אים.

„ווי וואַגסטו״? רופֿט זיך אָפּ דער זיידע
און די באָבע פֿריידע
פֿאַרלירט ניט קיין סעקונד
און גיט אַ זאָג: „ס׳איז אַ געפֿאַר,
מאַלע וואָס עס קען אײַנפֿאַלן אַ הונט״.

זאָגט די קליינינקע באַשיידן:
כ׳האָב געהערט אײַך ביידן ריידן.
— זעט נאָר ווי ער פֿרייט זיך מיט מײַן גלעט.
ווען זײַנע אויגן זענען פֿול מיט פֿרייד
קען פֿון בײַסן גאָר ניט זיין קיין רייד.

צווישן ערד און הימל

פֿאַרשלאָסענע שטילקייט

פֿאַרשלאָסענע שטילקייט,
די שלעסער מיט זשאַווער באַהאַנגען.
קאַלירן פֿון דעמער
לייגן זיך שלאָפֿן אָן קלאַנגען.

פֿאַרפֿראָרענער אָטעם
פֿרווּוט אַליין זיך באַלעקן.
די שטילקייט פֿאַרשלאָסן,
ווּעסט זי ניט קענען דערוועקן.

1985

איך זאָג

איך זאָג : אַן עין־הרע,
מײַן טאָכטער זאָגט — „טאַטש ווױד״
וואָס וועט מײַן אייניקל זאָגן ?

איך זאָג : כ׳האָב געפונען,
מײַן טאָכטער זאָגט — נאָך ניט.
וואָס וועט מײַן אייניקל זוכן ?

24.1 — 1985

אָפּט מאָל

אָפּט מאָל דערמאָן איך זיך
אַן ווײַטן, טונקעלן צפון,
די מענטשן אײַנגעהאַלטענע,
ריידן שטיל, פֿאַרשלאָפֿן.

אַ וואָלקן ברעכט זיך אָפּ
און דאַן אַ גאָס, אַ פֿליוך, אַן אימה.
בײַ נאַכט וויגן די וועלדער אײַן
אַ צווײַגן־גערויש, אַ געהיימען.

דער ווינטער קומט אַרײַנגעשליטלט,
זײַן ווײַסקייט ער באַווײַזט,
אין רינע רינט אַרונטער
אַ ברעקל זון
צעגאַנגען אינעם אײַז.

וואָס זאָגט

וואָס זאָגט דער הענקער צום געהאָנגענעם?
— צו געזונט דיר, ברודער.

וואָס זאָגט די זינקענדיקע שיף צום קאַפּיטאַן?
— אַ גערוס דיר פונעם רודער.

וואָס זאָגט דער בוים צום עפּל אויף דער ערד?
— זאָל זיי וויל באַקומען.

וואָס זאָגט קהל צום לאַנגווײַליקן רעדנער?
— באַקען זיך מיט דעם שטומען.

1985

צווישן קיניג און הלך

וואָס פאַר דעם קיניג — דעם קיניג
און פאַר דעם הלך — ס׳געפּלעפּט פון פעלדער,
צעגאַנגענע וועגן אויף שטויב
און אויף אַש.

איך — צווישן קיניג און הלך
טרינק זיך אָן טעג
פון אַ לײדיקער פלאַש.

1985

אַ לעבן לאַנג

אַ לעבן לאַנג פֿאַרגריבלט אין די אותיות
פֿון לייוויקן און משה־לייבן,
אויף אַלע אַרבע־כּנפֿות פֿון האָריזאָנט
זוך איך די שריפֿט
זי זאָל ווי אַ נעאָן זיך צעגליען.

מײַן הימלשפּראַך, מײַן אויסגעוויינטער לשון,
פֿראַוועט תּיקון־חצות
פֿאַר יחידי־סגולה.

1985

זאַמלער פון אַנטיקן

איך זע דיך, גרויסער זאַמלער פון אַנטיקן,
אַלטע בריוומאַרקעס קלעפּסטו אין אַלבאָמען,
דו נישטערסט אין די פּאַליצעס פון קראָמען
און זוכסט אַ זאַך וואָס זאָל דײַן אויג דערקוויקן.

אויף דײַנע פּאַפּירענע שיפן פלאַטערן די פאָנען,
דער ים־ווינט שטויסט זיי, נאָך שיף צו לאַנדן.
אַ רעגנפאַל באַנעצט די אויגן־ראַנדן,
דו זוכסט אַ זאַך וואָס קענסט זיך ניט דערמאָנען.

1985

מיר, די אַמאָליקע

אברהם סוצקעווער

מיר, די אמתע אַמאָליקע
פון אַלטן טאָל באַהאַלטענעם פון פרעמדע אויגן,
ווו ס'פּאַזעמקעט אַרויס דער חן
פון ניט־געשטויגענע מעשיות,
מעלה־גירהן צום טויזנטסטן מאָל
יעדע שורה, יעדן אות
און מיר זענען נאָך אַלץ פאַרשיכּורט
פון די חכמות וואָס די צײַט
האָט איבער זיי קיין שליטה.

מיר, די אמתע אַמאָליקע,
דערקענען זיך ווערליק אונדזער פארלירן זיך,
לויט אונדזער פאַרקווענקלעניש,
ניט־זיכערער זיכערקייט.
לויט דעם אויסזען פון די אויגן
וואָס פאַרהוילן וועלדער
אין זייער ערשטער אימה,
באַהאַנגענע מיט סודות אין נעכט פון זומער
ווען דער אורוואַלד פּילט זיך אָן
מיט ווײַן פון שקיעה.

מיר, פֿאַרלאָרענע, — געפֿינען זיך
און קומען זיך צונויף אין נעכטן
פֿון אייערנעכטן, פֿון איידער איידער נעכטן
ביז מיר טרעפֿן זיך
אין אַלטן טאָל געוועזענעם,
באַהאַלטענעם פֿון פֿרעמדע אויגן
וווּ ס'פֿאָזעמקעט אַרויס דער חן
פֿון אונדזערע ניט־געשטויגענע לעבנס
און מיר טרינקען לחיים
פֿאַר די צעצויבערטע נעכטנס.

1985

וואָס איז דײַן פֿאַרלאַנג?

וואָס איז דײַן פֿאַרלאַנג
אין שעהען ניכטערע אָן נסים?
— צו זען ווי ס׳שפּראָצט דער מידבר
בלומען — אָן באַגיסן.

וואָס איז דײַן באַגער,
מיט וואָס דיך, מענטש, באַגריסן?
— די וועלט זאָל רויִק זײַן
און רויִק זײַן זאָל איר געוויסן.

1985

ווער?

ווער וועט דערמאָנען די רגע,
וואָס פינטלט ווי פאָספאָר
פון באַרגיקע תּהומען?

ווער וועט פאַרהאַלטן די רגע,
וואָס ווערט פאַרכּישופט אין פאַרב
פון צעפליגלטע שטראָמען?

ווער וועט בענטשן די רגע,
וואָס איז כּולו־טוב
און כ׳האָב פאַר איר ניט קיין נאָמען?

דער מעטעאָר

דער מעטעאָר וואָס פליט אַרײַן
אין מײַן שויב
איז דער פאַרביקער שטיין
וואָס כ׳האָב אַ שלײַדער געטאָן
מיט ייִנגלשע הענט
אין אַ צעבליצטן זומער,
אָנגעפּיקעוועט מיט קינדער
פאַרגאַנגענע אין ברען פון געלעכטער.

קינדער טומלען

קינדער טומלען
און זייער טומל דערמאָנט מיר
פויגל־פלוידעריי
אויף דין צעוויגטע צווײַגן.

הויל איז דער געדאַנק.
זיי נוצן ניט קיין סטאָלנע ווערטער,
זיי פּײַפן אויס דעם מיין
ניט באַפּוצט מיט בלאָט פון פּײַגן.

ס'איז זיי גוט,
זיי ווייסן ניט אַז די טרעפּ
פירן אויך אַרונטער
צו די קעלערן פון שווײַגן.

1984

מײַן טאַטע

ס׳ווערט באַלד הונדערט יאָר מײַן טאַטן.
אַ הונדערט־יאָריקער דרייט ער זיך אַרום
אין קרײַז פון אָפּגעפּליקטן חלום:
נאַקעט ווי אַ שטראַל, —
נאַקעט ווי דער שניי
און ס׳אַרט אים ניט וואָס וועט זיך
איבער אים צעוואַקסן.

נאָר איך — וואָס רוף אַרויס דעם ברעג
פון אויפגערעגטן ים,
נאָר איך — וואָס פּאַס אַרײַן די טײַגע
אין אַ זײַדענעם פּאַפּיר
אויך נאַקעט ווי אַ שטראַל,
אויך נאַקעט ווי דער שניי,
גיי אויס פון צער —
פאַר וואָס מײַן טאַטן אַרט ניט וואָס וועט זיך
איבער אים צעוואַקסן.

שוועדן

א

מיט פערציק יאָר צוריק
האָב איך דײַן ברעג באַטראָטן.
פערציק מידבר־יאָר — מילחמה אײַן און אויס.
איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין ווײַטן צפון
אין די פאַרצווײַגטע הירשן־הערנער
וואָס לאָדן אָן אויף זיך דעם פאַרב פון זומער
און שליטלען זיך אַרײַן אין די אײַזבערג
ווי שטערן צינדן אָן דעם ווײַסן מאַרמאָר.

כ׳געדענק דעם טאָג ווען כ׳האָב דײַן ברעג באַטראָטן.
אַ קאָליר־טער רעגן איז דאָן געפאַלן
און אָנגעזאָפּטיקט בערג און פליינען.
די בינען, גרויס ווי גענדז האָבן זיך געשושקעט אינעם בינשטאָק
און דײַנע מענטשן — אויפגעגאַנגענע ווי פרישער טייג
האָבן צווישן זיך געפּליסטערט:
ווער וועט אָנצינדן די זון — ס׳איז באַלד שוין מיטן־זומער
די טעג וועלן באַלד קירצער ווערן
און מידע פויגל־פליגלען
פאָכען אויס דעם אָטעם.

און דער אָטעם איז דאָס לעבן,
איז דער זומער,
איז דער הירש
פאַרצווײַגט אין בלויען הימל.

ב

ניטאָ קיין חמסין אין לאַנד פון סעלמאַ לאַגערלעף,
ביימער אָנגעטאָנענע אין גרין
רײַסן זיך צו הימלען טונקעלע
באַלייגט מיט גרויע פלעקן.
וואַסערן געשליפענע ווי שטאָל,
וואַסערן וואָס שווענקען זיך מיט רעגן־וואַסער
און יעדער טראָפּן ווערט צוגעשפּילעט צו אַ קאָרע,
צו אַ גראָז,
צו אַ שטראַל.

מען שנײַדט אַ וואַלד —
עס ווערן אויסגעזעגט די מעשיות,
די לעגענדעס פון סעלמאַ לאַגערלעף.

ווו איז די גרויסע באַלאַבאָסטע וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט
יעסטאַ בערלינג און געפּראַוועט אַ טיש פאַר די באַרימטע עלף ?
כ׳בין ניט דער צוועלפטער אין דער קאָמפּאַניע
אָבער דאָך האָסטו מיך אויך פאַרבעטן
צו די מירמלנע געפעסן,
צו דײַן אויסגעבאַקענער רו וואָס רויִקער פון איר
איז נאָר דער מאָך אין די מײַלער פון די זומפּן.

פאַר דײַן פאַרבעטן מיך צו די מירמלנע געפעסן
בײַצוקומען מיין טויזנט־טאָגיקן הונגער —
אַ דאַנק.

1985

ווי קען עס זײַן?

ווי קען עס זײַן?
דו קומסט אַנטקעגן מיר אַ ליכטיקע אַרויס
פון וואָלקנרויך,
פון אויסגעשטאָנענעם טומאַן,
און לויפסט אַנטקעגן מיר —
אַנטקעגן דעם וואָס אין זײַן ר׳עכטער האַנט
לעשט זיך אויס די זון באַשפריצט מיט חלום.

דו ביסט נאָך אַלץ אַ שפּליטערל פון צײַט
און ווערסט גאָר ייִנגער אין פאַרלויף פון שפּעטע יאָרן.
ווו זענען מיר געוועזן דאַן?
— מיר האָבן אויסגעוואָרקעט זאַלבע צווייט
די ברכות פון גן־עדנדיקע טעג
און געקלעטערט אויף דעם לייטער פון אילוזיע.

קיין שטיבער האָבן זיך נאָך ניט געררייכערט,
די מענטשן זענען נאָך געוועזן גאַנץ,
די שטעקשיך בײַ די בעטן
האָבן נאָך געוואָרט אויף פיס
וואָס טאַנצן אויס קאַלירטע חתונות.

מיר ביידע אין אַ וועלט — צעצעגטלט און צעהונגערט
פאַרשרפּעט און פאַרקוואָרט —
איך הענג די אויגן מײַנע אויס
און וואַרט אויף דיר און וואַרט.

1984

אין אַלטן בוך

איך לעב איצט אין אַן אַלטן בוך
אין געוועב פון אונדזערע אַליינען.
איך לעב מײַנע ווײַסע האָר
וואָס ווערן זוניק ווען כ׳גיי פאַרבײַ
אַ פולן פעלד מיט זאַנגען.

וויפל שטעט האָב איך פאַרלאָזט — ווייס קיינער ניט,
שטעט פאַרהאַוועטע אין פליאַסק
פון טײַכן ליכט און קלאַנגען,
די גאַסן ריידן נאָך צו מיר אַזאַ מין שפּראַך
וואָס כ׳טײַטש עס אויס אין פליסיקע געזאַנגען.

עס נאָדלען זיך די נאָטן פון דעם אַלטן לידערבוך,
אַ כאָר פון אַלטע הענער קרייען אויס גוט מאָרגן,
און פון די מעשׂיות וואַקסן שלעסער אויס —
איז וואָס איז דאָ צו זאָרגן?

1980

גרינע פעדערן

אויסבלאָזן אין האַנט אַ פייגעלע מיט גרינע פעדערן,
פאַרשנאָבלען זי און זיך גאָר הויך ביז ראַנד פון ענדע.
זען די וועלט פון אויבן — אַ רוף געבן אַ יעדערן
און אַרייַנפאַלן מיט זיי אין בילדערבוך וואָס הייסט לעגענדע.

אַרויסגיין פון די טאָוולען און זיך לאָזן אין אַ יאָגעניש
נאָך ווינטן אָפּגעריסענע, נאָך געטער שטומע, פרעמדע.
פון אויבן זעט מען גוט די מענטשן אין אײַליקער צעטראָגעניש.
מלחמה האַלטן זיי מיט גייַסטער פון לעגענדע.

ווי לאַנג קען זייַן אַ מענטש פאַרשפאַרט אין טאָוולען צווייִקע ?
ווי לאַנג נאָך דאַרף דייַן לעבן זייַן פאַרטרויט דיר אין אַרענדע ?
איך פיל דעם צאַפּל פון די וואָלקנס וואָס אײַלן דורך פאַרבייַיִקע
און ווערן אָנגעפילט מיט מעד אין שקיעה פון לעגענדע.

גוט־מאָרגן דיר, פייגעלע

גוט־מאָרגן דיר, פייגעלע, אָקערשט אַרונטער פון אויבן.
ווײַזט אויס ס׳האָט פאַרקלעמט איר בײַם האַרצן, ווײַזט אויס,
געפינט זי אַ שטיקעלע ברויט מיט אַ ברעקעלע גלויבן —
אַז ס׳איז דאָ ווער עס זאָרגט, אי פאַר קליין, אי פאַר גרויס.

דלובעט זי אָפ אַ שנעבעלע ברויט, אָן עין־הרע,
פילט ווי עַס גיסן זיך אָן אירע פליגל מיט קראַפט.
קומט אַנטקעגן אַ וואַלד — אויסגעפוצט אין גאָלדענער קאָרע
און ברענגט איר אַ ביסעלע ווײַן און אַ ביסעלע זאַפט.

אויפגעגעסן אַ פענעצל ברויט און פאַרטרונקען אַ זופ אַ קאַלטן,
פליט זי אַרויף מיט פאַרב פון אַ גראָז, פון אַ בלימל.
אויף דער ערד איז גענוג אַ ברעקעלע ברויט
דאָס האַרץ צו דערהאַלטן,
אָבער אויבן — דאַרף איך דעם גאַנצענעם הימל.

1982

בערן

א

אין איינעם פון מײַנע אומצייליקע באַזוכן אין רומעניע
האָב איך אַ בער געטראָפן, אַ בער פון די קאַרפּאַטן,
ער האָט אַרויפגעלייגט אויף מיר זײַן שווערע לאַפּע
און אַזוי געזאָגט: דו ביסט פון אונדזערע פּאַן־בראַטן.

ווײַזט אויס אַז לויט מײַן רירן זיך האָט ער געזען ווי בעריש
כ׳פּאַרקערעווע די טריט אין וואַלד פון שטומע שטעגן,
ווײַזט אויס ער האָט דערזען אין מיר דעם אויפבליץ פון אַ חיה
וואָס קושט די קליינע אויגן אויס פון יעדן גרויסן ר׳עגן.

נאָך דעם זענען מיר אַרונטער צו אַ טײַך אין סאַמע גלאַנצן,
אין די טאָלן האָבן זיך צעטרילערט פייגל, שאָף און פוירישע פּלייטן.
ער האָט אַ קוק געטאָן אין הימל און געזאָגט — שוין צײַט צו טאַנצן,
און אַזוי טאַנצן מיר
כּל־זמן די שטערן וועלן אונדז באַגלייטן.

ב

דער בער האָט געלעקט דעם האָניק
אָבער מיך האָבן די בינען צעשטאָכן.

דער בער האָט זיך געלאָזט אין אַ וואַלס
און מיר האָבן געברענט די פּיאַטעס.

דער בער איז אויפגעטראָטן אין צירק
און ס׳קומט מיר אויס אַז פון מיר מאַכט מען חוזק.

דער בער וואַנדערט נאָך אַלץ איבער די ירידן
נאָר מיר האָבן פאַר קליינגעלט פאַרקויפט די ציגײַנער.

ג

ווײַסער בער, פון אײַז דײַן לאַפּע,
קיל מיר אַפּ דעם זיד פון זומער
דײַן ווײַסע פעל — אַ שניי פאַרכליאַפּע
אין קאַלטע נעכט ביסטו אַ הייסער ברומער.

ווײַטער שכן פון דער טײַגע,
כ׳האָב נעכט ווי דו געוואַלגערט זיך אין שנייען.
לאָמיר ביידע איצט אָן דאגה
אין דער בלויקייט זיך פאַרצווייען

ביז ס׳וועט קיינער מער ניט וויסן —
ניט דו, ניט איך, אויך ניט מיר ביידע,
ווער איז פון אונדז דער ווײַסער בער
און ווער איז פון אונדז דער ווײַסער זיידע.

1979

ווּ כ׳בין געבוירן

ווּ כ׳בין געבוירן רעדט מען שטיל,
מײַנע נאָנטע שווײַגן אויס די אייביקייט,
צו זיי געהערט דער רויש פון ווײַטן ים
וואָס פּלאָטערט איבער זיי —
פון אויבן.

ווּ כ׳בין געבוירן
איז דער זומער ניט צו זומער
און דער רעגן — אָפּגעמאָסטן.

ווּ איך זיי הײַנט טעג
אויף די פעלדן פון מײַן לעבן
ענטפערט אָפּ דער זומער פלאַם און פײַער
און דער ווינטער באַשטעלט אַ רעגן
וואָס צעעפנט בערג, צערינצלט טאָלן
ווּ יעדער טראָפּן פילט אָן אַ גלאָז, אַן עמער
און דאָך איז ניטאָ קיין סוף צום מידבר,
צו אונדזער גרויסן מידבר.

ס׳איז חשוון

ס׳איז חשוון
און די היץ — אַ געהויבענע היץ
ווי דאָרטן אַ מאָל אין אָב צי אין תּמוז.
איך שלאָף ניט אײַן
ווייל עס פעלט מיר די מוזיק
פון טאַנצנדיקן רעגן.
כ׳וויל הערן ווי ס׳וואַקסן די שטיינער,
כ׳וויל זען ווי ס׳גייט אויס אַ בליץ —
ווי ס׳בלײַבט פון אים קאַלירטער אַש.

כ׳גיי אַרויס אין דרויסן,
וויל אײַננעצן מיין ווײַסן קאָפּ
אונטער די אויסגעלאָשענע שטערן —
אָבער די שטערן פּילן אויס די ווײַטקייט
מיט בלאַנק און געהיימען ווונק
און צינדן אָן דעם הימל
מיט גליענדיקע פונקען.

הענט לויפן מיר אַנטקעגן

איך האָב זי געזען
אַ האַנט אַן אויסגעשטרעקטע לויפט צו מיר,
צווישן אונדז ביידן
ברעכן זיך אין געקנאַל די ביימער.

איך האָב זי געזען — ניט פֿאַראַנדערשט
אַזוי ווי כ׳האָב איר דאַן באַזונגען,
דער באַזונגענער אָריגינאַל —
געפֿינט זיך אין פֿאַרגעסענע מוזייען.

נאָר די בענקשאַפֿט לעבט,
פֿאַסט זיך ניט אַרייַן אין ערגעץ —
ווי נעכטן וואָלט עס גאָר געווען.

די אויסגעשטרעקטע הענט
לויפן מיר אַנטקעגן.

1984

ערב צויבער

אַ רגע, ס׳צעפֿאַלן די ווענט —
ס׳איז ערב צויבער. מיר וועלן
דערגיין צו דעם אויפֿבלי פֿון פֿרייד,
דו ווערסט פֿאַרמיידלט. ניטאָ קיין סימן
פֿון קנייטשן באַזעצטע מיט זאָרג.
דו לויפֿסט, דו לאַכסט און דו ליבסט.

כ׳קען ניט דעריאָגן דײַן לויפֿן,
כ׳קען ניט פֿאַרנעמען דעם צויבער!
ווו איז די האַנט וואָס צעפֿלאַשעט
די קאַרשן אין אָפּגעשאָטענעם וואַלד?
ניט קיין בוים — נאָר אַ וואַלד,
איך דערמאָן עס בכּיוון,
די זיסקייט צעגייט אויף די ליפּן.

ס׳האָט דער וואַלד ניט קיין נאָמען,
ס׳האָט די צײַט ניט קיין שעה.
דו לויפֿסט, דו לאַכסט און דו ליבסט
אָן אַ חשבון —
דער ווינט וועט באַצאָלן,
די זון וועט פֿאַרגלעטן.

פֿאַרפֿלאָכטענע ווערטער
אויף ליפּן פֿאַרשריבן,
ס׳רופֿן זיך אָפּ די עכאָס
פֿון דיר, פֿון מיר, פֿון אונדז ביידן.
פֿאַרמיידלט ביסטו געוואָרן, קיין סימן
פֿון קנייטשן באַזעצטע מיט זאָרג.

1986

בלויע הימלען

וואַקסן אַן די בלויע הימלען איבער בערג,
צאַפּלען זיך די בערג אין בלויע הימלען.
זאַפּ איך איַין ס׳געצאַפּל פון די בערג,
באַלד וועלן די שטערן אונדז פאַרדרימלען.

שנײַד איך אויס די בלויקייט שיכט נאָך שיכט,
מאַך אַן אָרט פאַר שטיבער אין די הימלען,
קומען אַן די וועגט מיט ווײַסער ליכט.
באַלד וועלן די שטערן אונדז פאַרדרימלען.

אין די שטיבער זענען קינדער דאָ אַוודאי,
שוועבן זיי פאַרחלומט אין די בלויע הימלען.
אומרויִקע טעג ווי ציגײַנער נע־ונדע
ציען אויס די פיס ביים שטערנפאַל, פאַרדרימלען.

וואַקסן אַן די בלויע הימלען איבער בערג,
צאַפּלען זיך די שטיבער — קינדער בלימלען.
זאַפּ איך איַין ס׳געצאַפּל פון די בערג.
באַלד וועלן די שטערן אונדז פאַרדרימלען.

1983

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד

וואַסער־טורעמס

קומען זיך צונויף די וואַסער־טורעמס,
די שווער געגאָסענע פון אײַזן און בעטאָן.
בײַ נאַכט ווען קיינער זעט ניט
ציען זיי אַרויס די פאַרשלאָסענע פיס
און גייען פּאַוואָליע אַרונטער אין טאָל.

אַ ווינטל גיט אַ גלעט די קעפּ פון ביימער
און זיי ריידן זיך אַרויס, לאמור:
— קוקט אָן זייערע שטומע פנימער,
די אויסגעהאַמערטע פון שטיין,
קוקט אָן זייערע שטאָלענע אַקסלען,
זייערע פיס — ווי געגאָסן פון גראַניט.
אָבער זייערע הערצער זענען ווייך
ווי זיסער וואַסער.

ווי וואָלטן מיר אויסגעזען, מיר ביימער,
אָן די וואַסער־טורעמס?

1986

מיטן ריצנאייל־בוים צוקאָפּנס

מיטן ריצנאייל־בוים צוקאָפּנס
און צערונצלטן שוועל פון סקאַרפּיאָנען
האָב איך אָפּגעזוממערט טעג
אויסגעלאָפּענע אין היץ.

דאָס וואַסער האָט געזידט אין קענדל
פון זיך אַליין.
אַ געשאָט פון וואָלקנס שטויב,
אַ געקריץ פון זאַמד
צווישן טאַנצנדיקע ציינער
בשעת דעם עסן.

כ׳האָב שוין פאַרגעסן
ווי זאַפטיק קענען הימלען זײַן,
ווי טיפער גרין
צעקלאַפּטערט מײַנע אויגן.

— פאַרגינסטו מיר ניט
דעם ריצנאייל־בוים צוקאָפּנס
און מײַן צערונצלטן שוועל ?

די ווײַסע אויגן פון יאַסמין ווינקען
אויף שטום־לשון ווי זיי וואָלטן זאָגן :
לאָמיר זיך איבערבעטן.

ניט ווײַט פון דאַנעט
צעזעגט מען שוין דעם ריצנאייל־בוים.

יאנואר 1986

שטיבעלעך דרײַ

זיי בילן זיך אַריבער,
זיי שרײַען זיך פאַרבײַ,
אַ נאַכט מיט שאַקאַלן
און שטיבעלעך דרײַ.

ווײַט פאַרוואָרפן
אַריבער דעם טראַקט,
איינע איז אָפן
די צווייטע פאַרמאַכט,
די דריטע אין בויען
שטייט ווי פאַרטראַכט.

אַ נאַכט מיט שאַקאַלן
און שטיבעלעך דרײַ.
די וואָס ס'איז אָפן
גיי איך פאַרבײַ.

בײַ דער פאַרמאַכטער
שטעל איך זיך אָפּ,
נאָר באַלד גיי איך ווײַטער
אַריבער, אַראָפּ . . .

נאָר בײַ דער דריטער
וואָס אין בוי איז פאַרנומען,
בײַ איר בלײַב איך שטיין,
צו איר ווער איך קומען.

נאָר פאַר דער דריטער
וואָס מיט זאָרג איז באַלאָדן —
גיב איך אָפּ מײַנע הענט
ווי צוויי אָפענע לאָדן.

1985

סטרומאַ

אויפֿן שוואַרצן ים גייט אַ ווײַסע שיף,
קומט די גרינע ערד און פֿאַרנויגט זיך טיף.

ווערט דער ים פֿאַרכאַפּט פֿון דער גרינער פּראַכט,
ווערט די שיף אַ בלום אין דער בלויער נאַכט.

ס׳איז קיינער אויפֿן שיף פֿון לאַנג ניטאָ, ניטאָ.
פֿאַרטונקלט בלײַבט דער סוד,
באַזעצט מיט זאַלץ דער דנאָ . . .

אויפֿן שוואַרצן ים גייט אַ ווײַסע שיף,
פֿאַרנויגט זי זיך אַליין און פֿאַרזינקט זיך טיף.

מײַן שטוב אין עכו

איך האָב אַ שטוב געבויט אין עכו,
פֿאַרפֿענצטערט די ווענט,
די זון זאָל קענען אויסבריען דעם מאַרגן.

דעם דאַך האָב איך באַזעצט מיט טויבן,
זייער פֿלאַטער זאָל אַ ביסל אָפּקילן דעם ברען
פֿון טויזנט־אויוונדיקן זומער.

מיטן רעגן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די בערג
ביז אַרונטער מײַנע שוועלן,
איז מײַן שטוב אַ שטוב —
אָבער אָן אַ שוועל.

ניט אַזוי

ניט אַזוי האָב איך געמיינט וועסטו זיך ווײַזן
און דאָך — אויף אייביק זאָלסטו זײַן.

דו האָסט מיר אויסגעפעלט אַזוי פיל צײַט.
איז גוט וואָס ביסט באַשאַפן.

ווען ניט — וואָלטן מיר דײַן נאָמען געטראָגן
ווי אַ קרוין
און אונדזערע קעפּ פאַרטראָגן ווײַט
אין שווערע וואָלקנס
מען זאָל דעם אומעט ניט אַרויסזען
פון די אויגן.

1985

די קעמלען

די קעמלען פירן ניט מער קיין בשמים,
דער קאַראַוואַן פירט אַריבער
אַ דורכגעבערענטן הימל.
דער בלענד טוט וויי, די אויגן
זוכן אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ אײַנצוטונקען זיך
אין מילדע פאַרבן.

די קאַמעלעאָנען אָנגעהאַנגענע,
ווי פריקרע פרוכט אויףביימער,
פאַרגלאָצן די אָפּגעשרויפטע אויגן
אויף די קעמלען וואָס פירן ניט מער
קיין בשמים אויף אַ רפואה —
נאָר דער קאַראַוואַן מוז דאָך
צעפלאַטערן דעם שטויב
פון וועגן, אַזוי באַקאַנטע וועגן,
און דאָך כּמעט ניט־באַטראָטענע
פון קיינעם.

1985

פויל ווי דער אָריענט

פויל ווי דער אָריענט
בין יולי לאויגוסט
ווען די גרויסע בלויע פליגן
שטעלן זיך אָן ווי פּיקעטן
און זוכן דיר אַרײַנצוזאָגן
אין דײַן טאַטנס טאַטן
אַרײַן.

די אַראַבקעס טאַנצן אויס
אַ צוויי־פּיסיקן שלאַנג.
זייער גוף פינטלט אויס אַן אָוונט
אָנגעפּיקעוועט מיט האַרעם.

אָבער אין די נעכט שטאָפּן זיי אָן
גילזן מיט פּולווער־טאַבאַק
וואָס פאַרשׂרפעט דײַן לעצטן חלום.

1985

גערעקטער טיש

דער טיש איז געדעקט,
ווי ס'וואָלט יום־טוב געשטאַנען בײַם שוועל.
די בלומען קוואַלן אַרויס —
פֿון פֿאַרב און שטראַל אַ פֿאַרקנעט.

מאכלים רופֿן זיך איבער
מיט בליאַסק פֿון געשיר,
אין געשליף פֿון שטאָל און גלאָז,
מיט ריח פֿון געווירץ און געבראָט,
מיט טעם פֿון זײַן אויף דער ערד.

די מאַמע דערלאַנגט דעם זיבעטן הימל
אויף טעלער באַגילדט מיט אוזאָר,
פֿון פֿאַרבישופֿטע מאָלערס וואָס האָבן
אַ קלייניקן חלק אין גן־עדנשן כאָר.

די מענטשן בײַם טיש פֿאַרטיפֿטע אין כלופּ
זופּן אויס די זופּ אַ זופּ נאָך אַ זופּ,
נאָר קיין שמייכל ניטאָ אויפֿן פּנים,
קיין סימן פֿון פֿרייד אינעם קנופּ.

מלחמה

מלחמה איַין,
מלחמה אויס ;
מיר זענען קליין,
מיר זענען גרויס,
מיר זענען קליין.

מלחמה קומט,
מלחמה גייט.
אויפן וועג
אַ זעלנער שטייט
און וויינט.

נצחון דאָ,
מפּלה דאָרט,
מיר לעבן דאָך,
מיר לעבן פאָרט.
מיר מוזן.

חלוצים

חלוצים ווײַסן אויס דעם הויכן הימל
באַנעצן מיט חלום שטיין און ערד,
זיי לאָזן אויפגיין די בייטן אין דלאַניעס
און לאַפּשן אײַן מיט אָפענע אויגן
צופוסנס פון די בערג.

ס׳ברענען פעלדער,
די תּבואה פלאַקערט,
ס׳קנאַלן קוילן און די טיר איז אָפן.
זייער שרעק איז אויבנאָניק, ניט פאַראַקערט.
ווען מען פרישע פעלדער אויסבאַקן
פון זשוויר און שטיין ?

די גלידער זאָגן : לויט דער מידקייט איז שוין שפּעט,
די לידער זאָגן : פּיס אין קאַראַהאָדן !
חלוצים פאַרלאָזן אײַנגעפונדעוועטן גלות
אַרויסצונעמען זשאַר פון מידבר־באָדן.

זיי פאַרפלאָנצן אינעם שאָטן
אַ דור וואָס וועט אַריבערוואַקסן שטעט,
אַ דור וואָס זײַנע הענט זענען ווי קאָרע
און אין די אויגן ברענט דער סנה.

אַזוי זענען געגאַנגען יאָרן.
דער דאָרן האָט צעבליט זיך אין אַ בוים
און ברויט האָט מען געגעסן
אין ברויז פון צער און צאָרן,
און ס׳פלאַקערט אַלץ נאָך זייער טרוים . . .

אָרט וועט קלעקן

און אָרט וועט קלעקן פֿאַר אונדז אַלעמען,
צעלייג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט.
אַ לאַנד אַזאַ — אַפֿילו אַ שאָטן גיט זיך אַ צעשטראַלעווע
און הונדערט מאָל צעבליצט זיך בייט נאָך בייט.

אָרט וועט קלעקן פֿאַר אונדז אַלעמען
און לאָמיר ווייניקער זיך יאָגן נאָכן אָרט.
און אויב עס איז פֿאַראַן אַ זאַך וואָס זאָלסט ניט זשאַלעווען,
איז דאָס — אַ גוט, אַ פּראָסט, אַן איינפֿאַך וואָרט.

צו פיל שטיין

צו פיל שטיין און צו פיל זאַמד,
צו פיל שטויב אויף וועגן,
נאָר די פעלדער בעטן זיך:
גיט אונדז מערער רעגן.

צו פיל שײַן און צו פיל זון,
צו פיל שטראַלן לויפן דיר אַנטקעגן,
נאָר די ברינעמער ברומען אויס:
גיט אונדז מערער רעגן.

צו פיל הימל, צו פיל ווײַט
און ס׳איז ניטאָ וועמען צו פרעגן.
אויך די וואָלקנס ווייסן קוים
די מאָס פון גוטן רעגן.

1974

טרוקענע ביימער

לאָז מײַנע טרוקענע ביימער
זיך פּאַשען
אויף דײַנע זאַפטיקע ערדן.

אונטער די צעוואַקסענע קרוינען
און צעפינקלטן הימל
וועלן מיר אָנשיטן מעשיות
אין בײַכיקע, טונקעלע פלעשער.

בלײַבן וועט נאָר אַ הימל
אָן אויסגעזעצטער מיט שטערן :
ליכטיק צעצונדענע אותיות.

בלײַבן וועט נאָר
אַ בוך אָן אַ שער־בלאַט
און אפשר אויך אָן אַ נאָמען.

און מײַנע טרוקענע ביימער
וועלן זאַטע צוריקגיין פון פּאַשע.

1978

שומר מה מליל

שומר מה מליל, שומר מה מיום ?
היט איך די סטעזשקע, צעוואַקס איך דעם בוים.

שומר מה מליל, שומר מה מיום ?
כ׳צעאַקער די בייטן און באַגיס זיך דעם טרוים.

כ׳באַנעגל די פּאָרטן, כ׳באַשירעם דעם פּלויט
כ׳באַזיגל די בערג און לעב אויף דעם טויט,

עמעץ מוז וואַכן — שומר מה מיום ?
אַ קינדעריש בעקל צעפלאַמט ווי אַ פלוים.

מוז מען עס היטן, דאָס האָב און דאָס גוטס,
צעצוועלפט זיך דער שומר — פון איינעם אַ טוץ.

1980

חולון

ניט קיין ים און ניט קיין האַפן,
ניט קיין באַרג און ניט קיין טאָל.
אַ שטאָט — ניטאָ פון וואָס זיך צו פאַרגאַפן,
אַ שטאָט וואָס האָט קוים אַן אַמאָל.

ניט קיין זומער־פייגעלע אין פלאַטער,
ניט אַ שטאָט וואָס ס'שווימט אין איר אַ טײַך.
און זעלטן ווען עס גיט זיך ווי אַ קראַטער
אַ שאָט אַרויס אַ רגע, גלאַנציק, רײַך.

דאָך לעבן מיר אויף דײַנע זאַמדן
און שטעלן אויף פּאַלאַצן אָן צעשאָט
און אויפן גאָלד פון דײַנע ראַנדן
צעעפן איך די טאָוולען פון מײַן שטאָט.

1984

אינהאַלט

דערנער

שטוטהאָף 7
זייטיקע שליאַכן 13
אַן אויסגעשליטלטער וועג 14
ליבשאַפט צו דער שטאָט 15
ס׳טרעפט 16
ביידע 17
דער טעם פון דערמאָנען 18
איך הער 19
פאַרקלאַפטע טירן 20
אַ פנים אין צייטונג 22
ווילנע 23
מיין מאַלינע 24

אין סימן פון טעות

צו אַ קינד 27
דער נביא 29
בערג 31
דער שניימענטש 33
אפשר 34
אַליין מיט זיך 35
כ׳האָב געוואָלט פרעגן 36
דער איבערגעבליבענער 37
פאראַן אַ שניי 38
די איינגעבויגענע 39
אַ גוטע נאַכט 40
ווייסע טויבן 41
ליגן וועגן אין טומאַנען 42
אַ קאַלעמאַשקע 43
געשניטענער גראָז 44
גרויע הימלען 45
עס שטייט געשריבן 46

צווישן ערד און הימל

פארשלאָסענע שטילקייט 49
איך זאָג 50
אָפט מאָל 51
וואָס זאָגט 52
צווישן קיניג און הלך 53
אַ לעבן לאַנג 54
זאַמלער פון אַנטיקן 55
מיר, די אַמאַליקע 56
וואָס אין דיין פאַרלאַנג ? 58
ווער 59
דער מעטעאָר 60
קינדער טומלען 61
מיין טאַטע 62
שוועדן 63
ווי קען עס זיין 65
אין אַלטן בוך 66
גרינע פעדערן 67
גוט־מאָרגן דיר, פייגעלע 68
בערן 69
וור כ׳בין געבוירן 72
ס׳איז חשוון 73
הענט לויפן מיר אַנטקעגן 74
ערב צויבער 75
בלויע הימלען 76

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד

וואַסער־טורעמס	79	געדעקטער טיש	87
מיטן ריצנאייל־בוים	80	מלחמה	88
שטיבעלעך דריי	81	חלוצים	89
סטרומאַ	82	אָרט וועט קלעקן	90
מיין שטוב אין עכו	83	צו פיל שטיין	91
ניט אַזוי	84	טרוקענעביימער	92
די קעמלען	85	שומר מה מליל	93
פויל ווי דער אָריענט	86	חולון	94

פון זעלבן מחבר

די גרינע בריק (לידער) פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב 1966

מיט זיבן אויגן (לידער) פאַרלאַג המנורה, תל־אביב 1973